בס"ד

# לקראת שבת לכו ונלכה

בשם כל הרבנים, האדמו"רים וראשי הישיבות
ווערן אללע אידן פון בארא פארק
געבעטען צו קומען צו דעם

## מאסען פארזאמלונג !!

שבת קודש פרשת ויצא

11:30 באלד נאכן דאווענען

13 טע עוו. קארנער 51 טע סטריט

וועלען אויפטרעטען מיט
דרשות גדולי הרבנים שליט"א

## קיינער זאל נישט פעלען !!

שבת נ"ד: "מי שאפשר למחות לאנשי ביתו ולא מיחא נתפס על אנשי ביתו, באנשי עירו נתפס על אנשי עירו, בכל העולם כולו נתפס על כל העולם כולו".

ולמוכיחים ינעם, ותבא עליהם ברכת טוב:

~ תושבי הסביבה

Art by,
A. RINGEL
435-7855

בעזה״י

# REMEMBER TO KEEP THE SABBATH HOLY!

Dear Friends:

In the name of rabbis and leaders of Congregations of Boro Park, you are requested TO COME and give due honor to G-d on

## SHABBATH, JANUARY 12th

(11:30 A.M.) HALF PAST ELEVEN AFTER SERVICES

## AT 13th AVENUE corner 50th STREET

TO AWAKEN JEWRY TO KEEP THE HOLY SABBATH and TO APPEAL to the store keepers that they CLOSE THEIR BUSINESSES on SABBATHS, and, observe the Sabbath as the Holy Torah commands. In addition, we ask of the general public to PATRONIZE STORES OF THE SABBATH OBSERVERS.

Every Jew that the Torah and the Holy Sabbath is dear to him should not miss this great opportunity to assemble in a mass meeting for the strengthening of the Sabbath. Come all in honor of the Holy Sabbath this SATURDAY, JANUARY 12th, '63 at 11:30 A.M., at the CORNER of 13th AVENUE and 50th STREET.

THE BORO PARK COMMITTEE
FOR SABBATH OBSERVANCE

# הבו לד׳ כבוד ועוז – לקראת שבת לכו ונלכה!

אין נאָמען פון די רבנים ומנהיגי הקהילות פון באָראָ פּאַרק, ווערען אַלע אידען פון אַלע שיכטען געבעטען צו קומען אָפּגעבען דעם ריכטיגען כבוד פאַר השית״ב

## שבת קדש פרשת ויחי, 11:30 אַזייגער

באַלד נאָכען דאַווענען — נעבען דער
13-טע עוועניו, קאָרנער 50-טע סטריט

צו דערוועקען אידען אָפּצוהיטען דעם שבת קודש און אַפּעלירען צו די סטאָר-קיפּערס, זיי זאָלען האַלטען שבת געשלאָסען זייערע געשעפטען און אָפּהיטען דעם הייליגען שבת ווי די תורה האָט געהייסען.

אויך בעטען מיר, מען זאָל פּאַטראָנייזען די שומרי שבת סטאָרס.

יעדער מאַן און פרוי וואָס די הייליגע תורה און דער שבת קודש איז ביי זיי טייער טאָר נישט פאַרפעלען צו נעמען אַיין אנטייל אין דער גרויסער פאַרזאַמלונג
ל ח י ז ו ק  ה ש ב ת.

קומט אין גרויסע מאַסען, שבת פרשת ויחי האַלב נאָך עלף פאַרמיטאָג
צו דער 13טער עוועניו קאָרנער 50טע סטריט אין באָראָ פּאַרק.

## קומט אַלע לכבוד שבת מלכתא

ועד למען שמירת שבת בבורו פארק

# פאַראַד אין פלעטבוש, פרייטאָג צו שטאַרקען שמירת שבת

דער ועד למען השבת און דער שמירת שבת קאָנסיל פון גרע־טער ניו יאָרק מיט דער באַטיי־ליגונג פון פלעטבושער רבנים, אדמורי״ם, ראשי ישיבות, שוה־לען, שטיבלעך און אָרטאָדאָקסי־שע קאָנגרעגאַציעס באַשטימען דעם היינטיגען פרייטאָג, עש״ק פ׳ נח, פאַר אַ פאַרשטאַרקטען שמירת שבת קאַמפּיין פאַר די אידען פון פלעטבוש. דער קאַמ־פּיין וועט זיך אָנפאַנגען מיט אַ גרויסען פאַראַד פון טויזענטער אידען אויף עוועניו „דזשעי״ און קאָני איילאַנד עוועניו. דברי תורה און אגדה, חסידות און פאָלקס־טימליכע אויפקלערונגס־רייד וועגען דער הייליגקייט פון שמי־רות שבת וועלען געזאָגט ווערען פון גרויסע פערזענליכקייטען.

אין שייכות מיט׳ן שמירת שבת קאַמפּיין איז אַרויסגעגעבען גע־וואָרן דער פאָלגענדער רוף פון דעם ועד למען השבת:

טייערע אידען, מענער און פרויען! די גאַנצע וועלט, און באַזונדערס מיר אידען, גייען איצט דורך אַ שווערן גשמיות־דיגען און גייסטיגען קריזיס צו־ליב די גרויסע ענדערונגען וועל־כע קומען פאָר אין דער אַלגע־

(פאָרזעצונג אויף זייט 6)



# פאַראַד אין פלעטבוש, פרייטאָג צו שטאַרקען שמירת שבת

(פאָרזעצונג פון ערשטער זייט)

מיינער און אידישער וועלט. די אַזוי־גערופענע פירער און פאַר־פירער מיט זייערע סעקטעס, קולטן און שמד־באַוועגונגען שטרעבען צו באַרויבן נישט נאָר די נשמה, נאָר אויך דעם גוף. די טרויעריגע געשעענישן לאָזן איבער אַ שרעקליך־פייַנליכען רושם, מענטשען גייען אַרום צע־טומעלטע, מען ווייסט נישט וואָס דער מאָרגען קאָן ברענגען, מיר נויטיגען זיך אין אַ דערפרייע־נדער ידיעה וועלכע זאָל דער־פרייען אונזערע צעבראָכענע הערצער.

אויף דעם פסוק „לדעת כי אני ד׳ מקדישכם״ זאָגט די גמרא אין מס׳ שבת: אמר לו הקב״ה למשה — דער רבש״ע האָט געזאָגט צו משה רבנו, משה מתנה טובה יש לי בבית גנזי חשובת שמה — אַ מתנה אַ גוטע האָב איך אין מיינע אוצרות, וואָס זי הייסט שבת — ואני מבקש ליתנה לישראל — און איך וויל דאָס געבען צו די אידען: „ראו כי ד׳ נתן לכם את השבת״. מהו ראו, וואָס זאָלט איר זען? אמר רבי יוסי, ראו את המרגלית שאני נותן לכם — זעט דעם שיינעם דיימאָנד וואָס איך גיב אייך.

דער שבת איז די ליכטיגקייט, די צירונג און פרייד אין יעדען אידישען הויז. דער שבת איז אַלעמאָל געווען, איז אויך איצט און וועט אַלעמאָל זיין דער קוואַל פון שמחה און תענוג. דער שבת איז די גרעסטע געטליכע מתנה וועלכע ברענגט גליק און צופרי־דענהייט אין אידישען לעבען. דורך היטען דעם הייליגען שבת פאַרזיכערט איר דעם רייכען אי־דעאַלען אידישען תורה־לעבען אין אייער הויז, מיט דעם הדלקת נר של שבת, אָנצינדען די שבת ליכט, ברענגט איר אַריין ליב־טיגקייט, פריינטשאַפט און וואַ־רעמקייט אין אַלע ווינקעלעך, איר פלאַנצט איין אין די הער־צער פון אייערע קינדער אַ געפיל פון קדושה און רעספּעקט פאַר תורה און אידישקייט.

זכור את יום השבת לקדשו, געדענקט צו האַלטען דעם טאָג פון שבת הייליג. מיר ווענדען זיך מיט דעם הייליגען שבת־רוף צו אַלע מענער און פרויען, באַזונ־דערס פאָדערן מיר אויף די אַלע אידען אין פלעטבוש, ביי וועמען דער שבת איז הייליג און טייער, קומט אַרויס פרייטאָג עש״ק פ׳ נח, 12 אזייגער, און שליסט זיך אָן אין די רייען פון די מאַרשי־רער למען כבוד קדושת השבת, כל ישראל ערבים זה לזה, מיר זיינען פאַראַנטוואָרטליך ניט נאָר פאַר אונזערע בני ביות, נאָר אויך פאַר גאַנץ כלל ישראל. ס׳איז אייער הייליגער חוב צו פאַר־שטאַרקען שמירת שבת אין פלעטבוש — לקראת שבת לכו ונלכה, קומט אַרויס פרייטאָג עש״ק פ׳ נח, אויף עוו. „דזשעי״ און קאָני איילאַנד עוועניו. זייט מחזק שמירת שבת ושומרי תורה ומצוות, ובזכות שמירת שבת נזכה כולנו לישועה בקרוב בב״א.

## 37־טע יאָרצייט נ
## לעבעוויטש קדוש

אַלע לאַנדסלייט פון לעב
און פון די אַרומיגע שט
באַראַנאָוויטשער געגענט
געראָפען אָנצוצינדען אַ יאָ
ליכט זונטאָג, אָקטאָבער ד
טען, צום 37־טען יאָרצי
די נאַצישע רוצחים, מיט
מיטהעלפערס, האָבען
בראַכט די אידען פון לעב
און פון דער אַרומיגער
פאַרגעסט נישט אָנצוצי
יאָרצייט־ליכט דעם 28־ט
טאָבער.
פאַר׳ן יזכור־קאָמיט
יעקב ל